בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קנ"ה

פרשת במדבר
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - דוּרְכְגֶעפַאלֶענֶע מִיטְלֶען -

### וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דִי מִיטְלֶען וָואס מְחַנְּכִים נִיצְן?

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְחַנְּכִים צוּ מַאכְן פְּרָאגְרַאמֶען אִין כִּתָּה, כְּדֵי אַרַייְנְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַ חֵשֶׁק אוּן אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין וואוֹיל, אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַ וִויכְטִיגֶע יְסוֹד: אַלֶע מִיטְלֶען אוּן פְּרָאגְרַאמֶען וָואס מֶען מַאכְט זֶענֶען בְּלוֹיז גֶעצֵייג צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וואוֹיל. דֶערְפַאר, אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז אַ גֶעוִויסֶער מִיטְל אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶס אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְנִיצְן דֶעם מִיטְל אוֹיף אַ פַארְקֶערְטֶע רִיכְטוּנְג, צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן צוּ קַנְסְ'ענֶען דִי קִינְדֶער, נָאר מֶען דַארְף זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע מִיטְל וָואס וֶועט יָא הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וואוֹיל.

אַזוֹי וִוי מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אַז עֶס זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע גֶעצֵייג אַרַייְנְצוּהַאקְן נֶעגְל; גֶעוֶוענְלִיךְ נִיצְט מֶען אַ פָּשׁוּטְ'עֶ הַאמֶער, אָבֶער אוֹיבּ דָאס אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיי אַ גֶעוִויסֶע סָארְט מַאטְרִיַאל, דַארְף מֶען נִיצְן אַן עֶלֶעקְטְרַאנִישֶׁע נֶעגְל שִׁיסֶער וָואס שִׁיסְט נֶעגְל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט. אוֹיבּ אֲפִילוּ דָאס אַרְבֶּעט נִישְׁט, מוּז מֶען זוּכְן אַ דְרִיטֶע וֶועג. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי מִיטְלֶען וָואס מֶען נִיצְט אִין חִינוּךְ: אִין אַ פַאל וָואס אֵיין מִיטְל אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, מוּז מֶען אָפְּלָאזְן דֶעם מִיטְל אוּן זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע מַהֲלָךְ וָואס וֶועט אֶפְשָׁר יָא אַרְבֶּעטְן.

### דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט קַיין מְחוּצָף

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אוּן וֵוייטָאגְלִיכֶע גֶעפִיל פַאר מְחַנְּכִים וֶוען זֵיי שְׁטֶעלְן אוֹיס אַ פְּרָאגְרַאם אִין כִּתָּה כְּדֵי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִין דִי קִינְדֶער אַ חֵשֶׁק צוּ זַיין וואוֹיל, אוּן לְמַעֲשֶׂה קוּמְט אֵיין קִינְד אוּן צֶעשְׁטֶערְט עֶס. צוּם בֵּיישְׁפִּיל: מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין, וֶועט קֶענֶען מִיט קוּמֶען אוֹיף אַן אוֹיסְפְּלוּג**", אוּן אֵיין קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן שְׁטִילֶערְהֵייט צוּ זַיינֶע שְׁכֵנִים: "**אִיךְ וֵוייס אַז יֶעדֶער וֶועט מְמֵילָא מִיט קוּמֶען צוּם אוֹיסְפְּלוּג...**" אוּן מִיט דֶעם צֶעוַוארְפְט עֶר דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם פְּרָאגְרַאם. מִיט דֶעם אַלֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְן טָאג, אוּן אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַ נֵייעֶ פְּרָאגְרַאם וִוי אַזוֹי אַרַייְנְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַ חֵשֶׁק צוּ זַיין וואוֹיל.

מֶען טָאר נִישְׁט אָנְקוּקְן אַ קִינְד וָואס הָאט צֶעוָוארְפְן אַ פְּרָאגְרַאם וִוי אַ מְחוּצָף אָדֶער וִוי אַ פַארְבְּרֶעכֶער, וַוייל דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה. דָאס קִינְד אִיז פָּשׁוּט כִּיטְרֶע, קְלוּג אוּן שַׁארְף, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם אֱמֶת אַז דֶער אוֹיסְפְלוּג וֶועט סֵיי וִוי פָארְקוּמֶען.

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט אַ נַיין יֶערִיג קִינְד. דָאס קִינְד הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט אִים דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "**אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועל אִיךְ מוּזְן רוּפְן דַיין טַאטֶע!**" הָאט זִיךְ דָאס קִינְד אָנְגֶערוּפְן: "**אוּן וָואס וֶועט דֶעמָאלְט גֶעשֶׁעְן?...**" דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ כִּמְעַט פַארְלוֹירְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיפְן קִינְד: "**דוּ מְחוּצָף!**" אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט: 'וֶוער זָאגְט אַז עֶר אִיז אַ מְחוּצָף? אֶפְשָׁר אִיז עֶר פָּשׁוּט כִּיטְרֶע, קְלוּג אוּן שַׁארְף'. הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט שֵׂכֶל: "**מֶען דַארְף סֵיי וִוי פָאלְגְן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג**".

### אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען קַארְטְלֶעךְ

אוֹיבּ מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: "**וֶוער עֶס וֶועט שֵׁיין דַאוֶוענֶען, וֶועט בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פַאר אַ פְּרָאגְרַאם**", אוּן לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען אַז אֵיין קִינְד דַאוֶוענְט וַוייטֶער נִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אַרַייְנְגֵיין אִין אַ קְרִיגֶערֵיי מִיטְן קִינְד, אַז יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען זָאלְן אַלֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען קַארְטְלֶעךְ אוֹיסֶער דֶעם קִינְד.

פַארְוָואס זָאל מֶען גְרַאדְזְשֶׁעְן דָאס קִינְד יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג?! פַארְוָואס זָאל מֶען מַאכְן דָאס קִינְד גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַז עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, וְהָא רְאָיָה אַז זַיין גַאנְצֶע כִּתָּה הָאט בַּאקוּמֶען קַארְטְלֶעךְ אוֹיסֶער אִים?!

אוֹיבּ דֶער מִיטְל אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיי דֶעם קִינְד, עֶס מַאכְט אִים נִישְׁט דַאוֶוענֶען בֶּעסֶער, אִיז נִישְׁט! זָאל מֶען אִים יָא גֶעבְּן דֶעם קַארְטְל, אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערְן בֵּייפַאל וִוי אַזוֹי אִים צוּ מַאכְן דַאוֶוענֶען.

### אֵיינְמָאלִיגֶע מִיטְלֶען

אַמָאל פֶעלְט זִיךְ אוֹיס צוּ גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ קִינְד אָדֶער אִים אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה, אָבֶער מֶען מוּז וִויסְן אַז אַזֶעלְכֶע שְׁרִיט דַארְפְן זַיין בְּלוֹיז אַן אֵיינְמָאלִיגֶער

אוֹיסְנַאם. דָאס אִיז עֶנְלִיךְ צוּ דִי 'חֶבְרָה הַצָלָה' וָואס קֶענֶען אַמָאל גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט, כְּדֵי אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן אוּן צוּרִיקבְּרֶענְגֶען צוּם בַּאוואוּסְטְזַיין.

אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג הֶעלְפְט נִישְׁט פַארְן קִינְד אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים נִישְׁט צוּ זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְצוּפִירְן, דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דֶעם מִיטְל. מֶען טָאר נִישְׁט הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁלָאגְן קִינְדֶער אָדֶער זֵיי אַהֵיימְשִׁיקְן.

פַארְוָואס זָאל אַ קִינְד בְּלַייבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט זִכְרוֹנוֹת פוּן דִי פֶּעטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט פוּן זַיינֶע מְחַנְּכִים? פַארְוָואס זָאל אַ קִינְד זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן אַ גַאנְצְן זְמַן, אוּן דֶערְנָאךְ גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן מִיט אִים וִוי אַ בָּאל (טַאבֶּע)?!

בַּיי אוּנְז אִין מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זָאג אִיךְ אָן פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּנֶעם מוֹסָד, 'מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ' - אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, בִּיז דִי אָפִּיס אַרְבֶּעטֶער אוּן דֶער בָּאס מֶענֶעדְזְשֶׁער: אוֹיבּ אֵיינֶער זֶעט וִוי אַ קִינְד וַואלְגֶערְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, זָאל מֶען צוּגֵיין צוּם קִינְד אוּן אִים נֶעמֶען צוּ זִיךְ. עֶס אִיז 'כָּל הַקוֹדֵם זָכָה'; מֶען טָאר נִישְׁט צוּלָאזְן אַז אַ קִינְד זָאל זִיךְ וַואלְגֶערְן אִינֶעם בִּנְיָן הַמוֹסָד.

מֶען דַארְף נֶעמֶען דָאס קִינְד אוּן אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ הֶעלְפְן אָדֶער אִים מַאכְן בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט עֶפֶּעס, כְּדֵי דָאס קִינְד זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶערְנִידֶערְט אוּן צֶעקְלַאפְּט. מֶען דַארְף וִויסְן, נִישְׁט אֵייבִּיג וֶוען אַ קִינְד קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיין מְחַנֵךְ, מֵיינְט עֶס אַז דָאס קִינְד אִיז דֶער וָואס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט.

## נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן אַ קִינְד פוּן כִּתָּה פַארְן קוּמֶען שְׁפֶּעט

אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט אָן שְׁפֶּעט אִין כִּתָּה, טָאר מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ תַּקָנָה אִין דִי מוֹסָד אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּמֶען שְׁפֶּעט, אִיז דָאס דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְנַהֵל אָדֶער דִי מְנַהֶלֶת דוּרְכְצוּפִירְן דִי תַּקָנָה אוּן נֶעמֶען דִי נוֹיטִיגֶע שְׁרִיט; אָבֶּער דֶער מְלַמֵד אָדֶער דִי לֶערֶערִין דַארְפְן אוֹיפְנֶעמֶען דָאס קִינְד מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אִים לָאזְן מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר פוּן וֶוען עֶר קוּמְט אָן אוּן וַוייטֶער.

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֶען אַז פַארְן קוּמֶען שְׁפֶּעט וֶוערְט מֶען אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן כִּתָּה, וֶועט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה דָאס נָאכְמַאכְן אוּן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ קוּמֶען שְׁפֶּעט, כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה... בִּפְרַט אִין דִי זוּמֶער טֶעג וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם בִּנְיָן הַמוֹסָד, זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט הֶעלְצֶער אוּן זַאמְד אוּן בּוֹיעֶן בּוּדְקֶעס; אָדֶער וֶועלְן זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער שְׁלֶעפְּן בַּאקְסֶעס אוֹיף זַיין טְרָאק, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אַז יֶעדֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין אַ מוֹסָד אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן כִּתָּה, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַרְבֶּעט.

אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט אָן אִין דִי לֶעצְטֶע פוּפְצְן מִינוּט פוּנֶעם סֵדֶר הַלִימוּד, קֶען עֶר דָאךְ אִין דִי פָּאר מִינוּט הֶערְן אַ וִויכְטִיגֶע הֲלָכָה אָדֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; דֶערְפַאר אִיז אַ שָׁאד עֶר זָאל עֶס פַארְפַּאסְן נָאר וַוייל עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט.

## אַרוֹיסְגֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט דִי קִינְדֶער

אִין דִי טֶעג וֶוען עֶס אִיז וַוארֶעם אִינְדְרוֹיסְן, אִיז כְּדַאי פַאר מְחַנְּכִים אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין גַאס (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר אוֹיבּ דִי גַאסְן זֶענֶען רֵיין). מֶען דַארְף זֵיי שׁוֹין פַארְדֶעם אָנְרֵייצְן אוּן זָאגְן: **"אוֹיבּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין שְׁפַּאצִירְן".**

אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן קֶען מֶען מַאכְן אַן אוֹיסְפְלוּג צוּ גֵיין צוּ דִי בֵּיימֶער זָאגְן 'בִּרְכַּת הָאִילָנוֹת'.

אַ קְלוּגֶער מְחַנֵךְ וֶועט אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן אֵייסֶעס אוֹיסְצוּטֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אִינְמִיטְן דֶעם שְׁפַּאצִיר.

## זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ מִיט דִי הַנְהָלָה

מְחַנְּכִים דַארְפְן וִויסְן: פַאר מֶען וִויל טוּן אִין אַ מוֹסָד אַ זַאךְ וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם טֶעגְלִיכְן סֵדֶר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ מֶען וִויל אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט דִי קִינְדֶער, אָדֶער אוֹיבּ מֶען וִויל בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער מִיט טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַ קְלָארֶע רְשׁוּת פוּן פָּארְאוֹיס פוּנֶעם מְנַהֵל אָדֶער פוּן דִי מְנַהֶלֶת.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע זַאךְ צוּ טֵיילְן פַאר קִינְדֶער טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת אָדֶער מֶעכְטִיגֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת. דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד אִיז עֶפֶּעס וָואס קָאסְט בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת, וִוי לְמָשָׁל אַן אֵייסֶעס וְכַדוֹמֶה.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען וִויל קוֹיפְן נַאשׁ פַאר דִי קִינְדֶער; מֶען דַארְף וִויסְן אַז עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְטְן נַאשׁ: עֶס אִיז דָא פָּשׁוּטְ'עֶ נַאשׁ, וִוי לְמָשָׁל קִיכֶעלֶעךְ אוּן סְנֶעקְס, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען דָא גָאר זִיסֶע אוּן אוּמְגֶעזוּנְטֶע נַאשׁ. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל אָדֶער דִי מְנַהֶלֶת וֶועלְכֶע סָארְט נַאשׁ עֶס אִיז פַּאסִיג צוּ קוֹיפְן פַאר דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג דָאס וָואס גֶעוִויסֶע מְחַנְּכִים טַעֲנָה'ן, אַז הֶיוֹת זֵיי נִיצְן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע גֶעלְט צוּ בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער, מֶעגְן זֵיי קוֹיפְן וָואס זֵיי ווִילְן; וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל טוּן אִין אַ מוֹסָד וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם טֶעגְלִיכְן סֵדֶר, דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַ קְלָארֶע רְשׁוּת פוּן פָּארְאוֹיס.

אַמָאל הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ מְלַמֵד בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס הָאט גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ שְׁפִּילְצֵייג גֶעשֶׁעפְט אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן גְרוֹיסֶע סְכוּמִים גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן; עֶר הָאט זֵיי גֶעלָאזְט אַלֵיין אוֹיסְקְלוֹיבְּן מַתָּנוֹת. הָאבּ אִיךְ אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, אַז עֶר הָאט דָאס נָאר גֶעקֶענְט טוּן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְנַהֵל פָּארְאוֹיס; אוֹיבּ עֶר וָואלְט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְנַהֵל צִי עֶר מֶעג דָאס טוּן, וָואלְט אִים דֶער מְנַהֵל זִיכֶער גֶעזָאגְט "נֵיין".

## מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים בְּלַייבְּן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים יֶעדְן טָאג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלח), אַז דֶער עִיקָר וָואס הָאט אִים גֶעצוֹיגְן צוּ וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק, אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין דִי הוֹיז פוּן זַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וואוּ אַלֶע צַדִיקִים פְלֶעגְן דָארְט קוּמֶען; יֶעדֶער פְלֶעגְט קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיוּן פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זֵיי פְלֶעגְן דָארְט אַיינְשְׁטֵיין. דָארְט הָאט עֶר

גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן דָאס הָאט אִים דֶערְוֶועקְט עֶר זָאל אוֹיךְ וֶוערְן זַיין אַ צַדִּיק.

מֶען קֶען אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער, אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן פְלַייסִיג לֶערְנֶען אוּן שֵׁיין דַאוֶוענֶען - וֶועט מֶען זֵיי דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל בַּאגֶעגְנְט אַ אִיד וָואס אַלְס קִינְד הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִין אַ הֵיימִישֶׁע מוֹסָד, אָבֶּער לֵיידֶער הָאט עֶר גֶעהַאט אַ תְּקוּפָה וָואס עֶר הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט; שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּרִיק גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוער קִינְד, אוּן דִי מְלַמְּדִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים; זֵיי פְלֶעגְן אִים צִיפְּן אוּן שְׁטוֹיסְן. דֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן צוּם סְגַן מְנַהֵל, אוּן דֶער סְגַן מְנַהֵל הָאט אִים וַוייטֶער גֶעשִׁיקְט צוּם מְנַהֵל; אַזוֹי הָאט מֶען אִים גֶעוָוארְפְן אַהֶער אוּן אַהִין אוּן צֶעקְלַאפְּט זַיין נֶפֶשׁ. אָבֶּער עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: **"אֵיין גוּטֶע זַאךְ גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ פוּן אַלֶע מַיינֶע יָארְן אִין חֵדֶר: דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; דָאס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ, אוּן נָאר אַ דַאנְק דֶעם בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט".**

מֶען זֶעט פוּן דֶעם ווִי וויכְטִיג עֶס אִיז צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, ווַייל דָאס גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער אוּן בְּלַייבְּט אַיינְגֶעקְרִיצְט אוֹיף אֵייבִּיג.

## דִי אַרְבֶּעט פוּן מְחַנְּכִים פַאר פֶּסַח

מִיר הַאלְטְן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. מְחַנְּכִים דַארְפְן ווִיסְן אַז דָאס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע צֵייט פוּנֶעם יָאר.

עֶרְשְׁטְנְס, ווַייל אַלֶע אִידִישֶׁע הַייזֶער זֶענֶען יֶעצְט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט; דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַארְנוּמֶען אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ פוּן שְׁטוּבּ אוּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן דָאס קוּמְט זֵייעֶר אָפְט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער. דֶערְפַאר ווַארְטְן דִי קִינְדֶער גָאר שְׁטַארְק אַרוֹיס אוֹיף דִי פָּאר שָׁעָה וָואס זֵיי זֶענֶען אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע, הָאפְנְדִיג צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל, אַ גְלֶעט, אוּן אַ גוּט ווָארְט פוּן זֵייעֶר מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין - זַאכְן וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט אִין דִי טֶעג אִינְדֶערְהֵיים.

צְווֵייטְנְס, דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה דְרֵייט זִיךְ דָאךְ אַרוּם דֶעם עִנְיָן פוּן 'זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם', דֶערְפַאר דַארְף מֶען יֶעצְט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, זֵיי צוּגְרֵייטְן צוּם סֵדֶר נַאכְט, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי סִימָנִים פוּן 'קַדֵּשׁ וּרְחַץ' וְכוּ', אוּן 'מַה נִּשְׁתַּנָּה'.

## אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ שִׂמְחָה צוּ טוּן מִצְוֹת

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה', אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ 'שִׂמְחָה אִין דִי מִצְוֹת', צוּ ווַייזְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה; אוּן פַארְגִינְט פַאר יֶעדְן קִינְד אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט ווָארְט.

עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלֵייט, אוּן אִיךְ הֶער ווִי אַסַאךְ זָאגְן אַז ווֶען זֵיי הֶערְן נָאר דָאס ווָארְט 'פֶּסַח' קוּמְט זֵיי גְלֵייךְ אַרוֹיף דָאס בְּלוּט אִין קָאפּ; עֶס מַאכְט זֵיי נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן. דָאס קוּמְט דָאךְ נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין; אֵיינֶער הָאט עֶס זִיכֶער אָנְגֶעמַאכְט.

מֶען זוּכְט דָא קֵיינֶעם נִישְׁט צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן; עֶס קֶען זַיין אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם סמ"ךְ מ"ם, וָואס זוּכְט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ בִּיטֶערְקֵייט אוּן אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִינֶעם יוֹם טוֹב בַּיי מֶענְטְשְׁן. מֶען זֶעט טַאקֶע ווִיפִיל אִיבְּרִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט עֶס אִיז דָא פֶּסַח - אַנְדֶערְשׁ ווִי אַ גַאנְץ יָאר. צוּם בֵּיישְׁפִּיל: עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אִין מֹחַ אַז **"פֶּסַח אִיז נִישְׁטָא ווָאס צוּ עֶסְן"**, אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג נָאךְ פֶּסַח, זֶעט מֶען אִין דִי מוֹדָעוֹת אַז מֶען קֶען זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן צוּ גֵיין צוּ קוּרְסֶעס זִיךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ פַארְלִירְן דִי פוּנְטְן וָואס מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען אִיבֶּער פֶּסַח...

אַזוֹי אוֹיךְ קוֹיפְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אַיין פְּלֶעסְטִיק אוּן פַּאפִּירֶענֶע גֶעשִׁיר אִיבֶּער דִי מָאס, פַארְוָואס? ווַייל מֶען הָאט מוֹרָא 'אֶפְשָׁר ווֶעט אִינְמִיטְן יוֹם טוֹב אוֹיסְגֵיין דִי גֶעשִׁיר'... מֶען זֶעט פוּן דֶעם קְלָאר אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז בְּלוֹיז אַ מִלְחָמָה פוּנֶעם סמ"ךְ מ"ם צוּ מַאכְן מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, ווֶען בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם סִיבָּה צוּ זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן.

דֶערְפַאר לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף דִי מְחַנְּכִים פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַ שִׂמְחָה צוּ טוּן מִצְוֹת, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַמָּשׁ אַרוֹיסְקוּקְן אוֹיפְן יוֹם טוֹב אוּן צוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אַנְשְׁטָאט דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן אָדֶער דֶערְשְׁרָאקְן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, זָאל זֵייעֶר פְרֵיילִיכְקֵייט זַיין אוֹיפְן הֶעכְסְטְן פַארְנֶעם אוּן אִיבֶּערְגֵיין אַלֶע גְרֶענִיצְן!

## דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט אַ גוּטֶע טַעַם פוּן זֵייעֶרֶע חִינוּךְ יָארְן

מְחַנְּכִים דַארְפְן זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן בְּלַייבְּן מִיט אַ נָאסְטַאלְגִיעֶ צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער יָארְן; זֵיי זָאלְן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ דִי פִיר ווֶענְט פוּן דִי כִּתָּה ווָאוּ זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן מִיט זֵייעֶר מְחַנֵּךְ, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט.

מֶען קֶען הֶערְן פוּן אִינְגֶעלֵייט ווִי זֵיי רֶעדְן מִיט אַ פֵּיינְטְשַׁאפְט פוּן גֶעווִיסֶע מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעפֵּיינִיגְט אַלְס קִינְד; עֶס אִיז מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן אִינְגֶעלֵייט ווִי זֵיי דֶערְצֵיילְן ווִי זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן זֵיי גֶעפֵּיינִיגְט אוּן ווֶען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז יֶענֶער מְלַמֵּד אִיז נִפְטַר גֶעווָארְן דוּרְךְ אַן עֶקְסִידֶענְט, הָאבְּן זֵיי מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט אַ שִׂמְחָה אִין הַאַרְץ, אוּן זֵיי פְרֶעגְן זִיךְ אַלֵיין: 'ווִי קֶען דָאס זַיין מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן ווֶען אַ אִיד שְׁטַארְבְּט מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה?!' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, ווֶען קִינְדֶער הָאבְּן אַ מְלַמֵּד ווָאס פֵּיינִיגְט זֵיי, הַרְג'עט עֶס זֵייעֶר נֶפֶשׁ פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן; ווֶער עֶס אִיז דָאס נִישְׁט אַלֵיין אַרִיבֶּער, קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פַארְווָאס מִיר הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען אַן אַרְבֶּעט אִין אַ מוֹסָד. קֵיין אֵיין מְחַנֵּךְ קוּמְט דָאךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער בְּלוֹיז כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען זַיין גֶעהַאלְט, ווַייל אוֹיבּ מֶען מֵיינְט נָאר דָאס גֶעלְט, זֶענֶען דָא גֶענוּג אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת ווָאס צָאלְן פִיל שֶׁענֶער. אַ מְחַנֵּךְ קוּמְט דָאךְ אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד ווַייל עֶר ווִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיט נֶעמֶען פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן דָאס ווָאס עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי, אוּן זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיינֶע מִצְוֹת. דֶעריבֶּער מוּז מֶען זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט אַ גוּטֶע טַעַם פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער יָארְן.

ווָאוֹיל אִיז פַאר דִי מְחַנְּכִים ווָאס גֶעבְּן זִיךְ אִיבֶּער מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע הָאַרְץ אוּן מֹחַ פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי ווֶעלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דֶער ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער ווֶעלְט.

## וָואס טוּ אִיךְ מִיטְן קִינְד וָואס נֶעמְט יֶעדֶע הֲלָכָה מִיט נֶערְוֶוען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁרַייבּ וֶועגְן מַיין זוּן, אַ וואוּילֶער אִינְגְל וָואס הָאט אַ גוּטְן קָאפּ אוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר נֶעמְט אָן זֵייעֶר עֶרְנְסְט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר, וָואס דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ.

לֶעצְטְנְס הָאט עֶר אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן נֶעמֶען זַאכְן צוּ עֶקְסְטְרֶעם, לְמָשָׁל וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ צוּ וַואשְׁן דִי הֶענְט, זַיין מְלַמֵּד הָאט גֶעלֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן אַ דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וִוי לַאנְג מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן, אוּן אַז עֶס אִיז קָשֶׁה לְשִׁכְחָה, וְכַדּוֹמֶה; דָאס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע 'אָה. סִי. דִי', אַ גַאנְצֶע נֶערְוֶוען זַאךְ, "אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶערִירְט מַיין קָאפּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יָא גוּט גֶעוַואשְׁן אָדֶער נִישְׁט?", אוֹיבּ הָאט עֶר אָנְגֶערִירְט דִי וַואסֶער נָאכְ'ן זִיךְ אָפְּגִיסְן, הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁאֵלוֹת צִי עֶר וֶוערְט נָאכְאַמָאל טָמֵא, אוּן אַזוֹי גֵייעֶן דִי זַאכְן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער וְאֵין לְדָבָר סוֹף.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דַאוֶוענֶען, לְמָשָׁל אַז מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, הָאט עֶר סְפֵיקוֹת צִי עֶר הָאט גוּט אִינְזִין גֶעהַאט, אָדֶער גוּט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער וְכוּ'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מַאכְט אַז אַלֶעס זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע פְּרֶעשׁוּר, אַלֶעס גֵייט צוּ מִיט אַ לַחַץ, אוּן אִיךְ וֵייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דֶעם.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַ מַהֲלָךְ אִין דֶעם, אוּן אוֹיךְ אֶפְשָׁר שְׁרַייבְּן צוּ מַיין זוּן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט דִי זַאכְן, וַוייל דִי זַאכְן - אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט עֶס - וֶוערְט עֶס נָאר עֶרְגֶער.**

**דֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב)**: "כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְּצָרִין הָרָעִים הַמְזֹהָמִים", אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּצִיגֶע יֵצֶר הָרָע, "כָּל מַה שֶּׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת", וִוי מֶער מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, "יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים", שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, "כִּי הוּא כְּמוֹ שֶׁאָדָם בּוֹרֵחַ מִדָּבָר", דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם, "וּמִסְתַּכֵּל מִן הַצַּד כִּלְאַחַר יָד עַל זֶה הַדָּבָר שֶׁבָּרַח מִמֶּנּוּ", אוּן מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף יֶענֶע זַאךְ פוּן וָואס מֶען לוֹיפְט אַוֶועק, "וַאֲזַי הַדָּבָר הַזֶּה מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר", דֶעמָאלְט וֶוערְט יֶענֶע זַאךְ שְׁטֶערְקֶער, "כִּי לֹא הִסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה", וַוייל וֶוען יֶענֶער זֶעט וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק - זֶעט עֶר אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, דָאס מַאכְט אִים עֶר זָאל וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן, "רַק אַדְּרַבָּא, שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם לַאֲחֹרָיו עַל זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה", אַדְּרַבָּה, זֵיי וֶוערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף זֵיי; אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וִוי מֶער מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי - וֶוערְן זֵיי שְׁטֶערְקֶער.**

**לוֹיבּ אוֹיס דַיין קִינְד, גֶעבּ אִים אַסַאךְ כָּבוֹד, אוּן וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְרִימֶען, זָאג הוֹיךְ פַאר דַיין וַוייבּ - וֶוען דַיין קִינְד הֶערְט - "מַאמִי דוּ זֶעסְט וִוי עֶרְלִיךְ עֶר פִירְט זִיךְ..." אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶר דַאוֶוענְט אוּן וֶוען עֶר קוּשְׁט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי מְזוּזָה זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְרִימֶען אוּן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד - וֶועט עֶס בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַוֶועק גֵיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב)**: "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר", וֶוער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל - "צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר" דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן", וַוייל דִי וָואס הָאבְּן וֵויינִיג שֵׂכֶל - "הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", דַארְפְן מֶער כָּבוֹד; דוּ לוֹיבּ אִים אוֹיס אוּן זָאלְסְט נִישְׁט אַרוֹיס וַוייזְן אַז דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז אָדֶער דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זַיין פִירַאכְטְס, וֶועט עֶס בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַוֶועק גֵיין.**

**וְהָעִקָּר, תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, בֶּעט פַאר דֶעם קִינְד פַאר דִי נֶערְוֶוען זַאכְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַלֶע קִינְדֶער, וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר גֶעזוּנְטֶע גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפוּלְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תשא, שנת תשפ"ו)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876